בעזהש"ת

# ספר

# מלחמות השם

## חלק י"ח

**התעוררות להנוסעים לקאנטריס וקעמפס,
זהירות בעניני ספרי תורה תפילין ומזוזות,
יחוד, צניעות, מחיצות בסווימינג פאל,
זהירות בקניית דגים, תולעים ומילבין,
חברים לא טובים, זהירות להורים
ששולחים הילדים לקעמפס**

❖

**קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת
שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת**

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו - שנת תשנ"ג

# חברה מזכי הרבים העולמי

בנשיאות הרה"ג מוה"ר
רבי שלום יהודה גראס שליט"א
רב דקהל "מגן שאול" ד' "האלמין"
ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי"
"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"
c/o RABBI S.Y. GROSS, 4711 12th Ave., Suite A-5
Brooklyn N.Y. 12119



חעד הכשרות
דהתאחדות הקהילות
KOSHER כשר
VAAD HAKASHRUS
A Public Service Organization
Dedicated to Strenghtening of Kashrus
Through Research and Developement


# קונטרס אהלי ישראל

## אינהאַלט


1. קאַנטרי שכנים
2. צניעות קלײדונג
3. קביעות עתים לתורה
4. סדר שבת בקאַנטרי
5. עירוב לשבת
6. חינוך הילדים בקאַנטרי
7. צניעות בקאַנטרי
8. שווימען אין קאַנטרי
9. יחוד בקאַנטרי
10. תפלת הדרך
11. מזוזות בקאַנטרי
12. גראָסערים אין קאַנטרי
13. איסור יחוד ביי אַ טעקסי
14. די שכר פין אַ אידישע פרוי
15. אָפצוטיילען יונגלעך פון מיידלעך ביים שפילען
16. יודענעס נישט רעדען הויך
17. מחיצה ביים שווימען
18. קינדער לויפען נאָך פאַרעדיגע קאַרס
19. צינדען ליכט — בחורים
20. זהירות ביים קויפען פיש אין קאַנטריס
21. חאַפען אַ היטש
22. וואָרענונג וועגען עסענוואַרג — געטראַנק
23. חשש מילבין
24. שמאַלץ הערינג
25. וואַשען די הענט פאַר קליינע קינדער
26. שפאַצירען אין די קאַנטריס
27. שלעכטע חברים אין קאַנטרי
28. אַרויס גיין אין גאַס
29. יחוד אין עליוועטערס
30. תערובות אין גראָסערי
31. וואָרענונג פאַר עלטערן וואָס שיקען קינדער אין קעמפּס
32. וואָרענונג פאַר דרייוועס


### הדרכה און התעוררות פאר קליין און גרויס!!

#### קאנטרי־שכנים

א. די הייליגע חז"ל שרייבען אז די גרעסטע השפעה אויפען מענטש איז די חברותא, און שכנים, (סוטה פ"א, דמב"ם ה' דעות, אבות פ"א, הר"י שם) אין דערפאר דארף מען גרויס אכט לייגען, אז מען זאל האבען ערליכע אפגעהיטענע שכנים, בפרט אין קאנטרי, ווייל דאס ווירקט שטארק סיי אויף די עלטערן סיי אויף די קינדער, ליידער זענען פיל שטיבער ציבראכען געווארען, אין שלום בית'ער געשטערט געווארען דארך זומערדיגע שכנים, דארך די לעצטע פאר יאר.

ב. פין נישט ערליכע שכנים דארף מען אגאנץ יאר אויך אויסגעהיט זיין, נאר זימער קען אמאל מער ווירקען ווייל מען איז ציזאמען אויף איין פלאץ, אין מען שמיסט ציזאם אסאך, קען טרעפען אויך מען איז אויף א פלאץ ווי עס וואוינען צענדליגע משפחות אז מען לערנט זיך אפ יעדענס קולות.

#### צניעות קלײדונג

ג. אין קליידונג איז נישט דא קיין שום היתר עפ"י התורה צי גיין אנגעטון זימער ווייניגער בצניעות ווי אגאנץ יאר, אדרבה לויט ווי די ספה"ק שרייבען קריגט מען פיל מער שכר פאר זיין געקליידעט בצניעות, ערשטענס ווייל עס איז שווער (אבות ורבינו יונה בשע"ת) צווייטענס ווייל מען נעמט אויך די שכר פין די אלע וואס גייען נישט געקליירעט געהעריג, וואס פין דעם סארט איז דא מער זומער, אין דערפאר ליגט די אויפגאבע אויף די מענער זיך גיט אומציקיקן אין שטיב, נישט זיך פארלאזען אויף די בעל הבית'טע.

בפרט דארף מען אכטונג געבען, ווייל מען טרעפט ווייער אפט אזוי ווי קליינע שטויבלעך אין די ניס, אין דאס איז א חשש מילבין, דאס זעלבע דארף מען אויך אכטונג געבען ווען דער ניס האט שווארצע פינטליך טאר מען עס נישט עסען.

מג. אין איינוועגס ווילען מיר מעורר זיין, עס קען טרעפען אז דער דאקטער אסרי'ט צו עסען געוויסע זאכען, ווייל איר שעדליכקייט פארען געזונט, אין דאך גיט מען נישט אכט צו פאלגען דעם דאקטער, דארף מען וויסען אז אויף דעם פאל, איז מען עובר מיטן עסען א איסור מה"ת (ונשמרתם מאד לנפשותיכם), אין טאמער האט דאס געהאט א שלעכטע ווירקונג אויפען געזונט ח"ו אין דארך דעם האט ער נישט געקענט דאווענען געהעריג, אדער לערנען, ווערט מען אים אויף אלעם שטראפען, ווייל ער האט זיך דאס אליינס ציגעברענגט.

מד. נאך דארף מען געווארענט זיין אז ווען א מויז, אדער קאץ עסט אראפ אביסעל פין א גאנצע ברויט, איז נישט גענוג אפציטיילען א שטיקעל דערנעבען, נאר דער גאנצער ברויט טאר מען נישט עסען (שו"ת ד"ח) אין אזוי ביי אנדערע עסענווארג, ווייל דאס מאכט פארגעסן דאס לערנען.

מה. אין דערפאר טאר מען נישט טרינקען פין א פלאש וואס איינער האט זיך שוין א וואש געטוהן די הענט דערפין, ווייל דאס איז קשה לשכחה (הוריות י"ג) [גורם צו פארגעסן] במילא איז דאס שוין אויך א לערנונג אז מען זאל זיך נישט וואשען די הענט פין דעם כדי נישט עובר צו זיין אויף דעם איסור פין בל תשחית.

מו. די פוסקים שרייבען אז מען זאל אכטונג געבען אפצוואשן די הענט צופריה פון קליינע קינדער (פמ"ג, מו"ק וש"פ) אין די בעסטע איז ווען מען פירט זיך שוין אזוי פון יום המילה (גר"ז, סי' יעב"ץ).

נאך שרייבען די ספרים אז אפוואשען די הענט פאר קינדער פין ווען זיי ווערען געבוירען איז א גוטע סגולה פאר קליינע קינדער כדי זיי זאלען וואקסען בקדושה וטהרה, (חסל"א, בא"ח, כה"ח די ב"ב) ליידער האט מען לעצטנס געהערט פארשידענע אינצידענטען ביי קליינע קינדער, אין ווער קען וויסען צו דאס גלייכגילטיגקייט אין אפגיסען נעגעל וואסער פאר די קליינע קינדער איז נישט אסאך שולדיג אין דעם. עס איז א פליכט פין די עלטערן אין זייער פערמינענטע אויפגאבע צו גאר קליינע קינדער אפגיסען נעגעל וואסער תיכף צופריי, אין די גרעסערע קינדער נאכציקיקען אויב זיי גיסען זיך אפ געהעריג אזוי ווי מען דארף, נישט אפגעבאפט אין יוצא געווען, ווי די מנהג ביי קליינע קינדער.

מז. אויך די בעל הבית'טע דארף ווייער געווארענט זיין זיך געהעריג אפציגיסען נעגל וואסער, ווייל זי ארבייט ביי די עסענס, אין דאס איז דער יסוד פין די אנטוויקלונג אין קדושה פין אלע שטיב מענטשען (עט"ז סי' צ', באה"ט, הגר"ז, וש"פ).

מח. מען דארף מעורר זיין די נשים צדקניות, בפרט די קליינע קינדער אז ווען מען קומט ארויס פין ביה"כ אפילו מען איז נאר סתם ארייגעגאנגען עפעס ארייניטראגען אדער ארויסנעמען דארף מען זיך געהעריג וואשען די הענט (מ"ב סי' צ', נימוקי או"ח, א"א בוטשאטש, תשובת ש"י, ועוד), אין ביי דעם איז אויך שייך די הארבקייט וואס שטייט פריער אות מה. וועגן אנרירען עסענווארג.

מט. וועגן די הארבקייט פין קדושת בנות ישראל דערמאנען מיר נאכאמאל אז לויטען פסק דין פין ירושלימ'ער בד"צ, אין גדולים פין חוץ לארץ טאר א פרוי נישט גיין אליינס צו א דאקטער, אהן באגלייטונג, וועגן איסור יחוד.

נ. מען טאר נישט עסען א עסענווארג וואס איז אראפגעפאלען פין טיש אויף דער ערד (חולין פ' כה"ב).

נא. עס איז א גרויסע שמיעס אין די פוסקים אז מען זאל נישט טארען טרינקען קאווע סוף סעודה אהנע ברכה (ח"א, קש"ע, סי' יעב"ץ).

נב. מענער, בחורים, קינדער, דארפען געווארענט זיין בפרט שבת נאכמיטאג נישט דארכציגיין די גאסען וואס ווענען בלעה"ר באלאגערט מיט פרויען, בפרט זומער [ועלבסטפארשטענדליך אז יעדער יר"ש דארף ביי זיך אין שטיב פארלאנגען פין די נשים נישט צי שפאצירען אויף די גאסען. אויב עס איז נישט וויכטיג, וכל מי שיש בידו למחות על אנשי ביתו].

### אכטונג אויף קינדער

נג. עס איז ווייער ראטזאם אז מען זאל נישט שיקען די אינגלעך אויף די געגענטער וואס איז שטארק באוואוינט מיט גוים, בפרט זומער. אפילו אויב מען דארף עפעס קויפען ביי יענעם געגענט, ווייל דאס טיט ווייער שלעכט ווירקען אויפען קינד'ס קעפעל אין הארץ [איין באשעפער ווייסט]. כאטש דער קינד דערציילט דאס נישט, ווייל דאס פריצות אין זוהמא פין די רשעים קלאפט אוועק דאס הייליגע גייסט פין קינד וואס ער האט זיך איינגעזאפט אין שטיב, און אין ביהמ"ד ביי די גמרא. [ווי ווייניגער צי שיקען א קינד אויף די גאס בפרט זומער אלס בעסער]. עס איז גארנישט אין ווערטער אראפציגעבען ווי שטארק דאס ווירקט אויף די נשמה פין קינד, דאס מאכט נאכדעם אויך שווערי'קייטן אריינציברענגען א שטיקעל גמרא אין קעפעל פין קינד (כמבואר במרחז"ל וכספה"ק).

כ"ק ארמו"ר מסאטמאר זצ"ל האט געפייערט ביי א שובבי"ם תורה, אז א יוד גייט ארויס אויף די גאס דארף ער מתפלל זיין, ער זאל צוריק קומען לכה"פ דער זעלבער יר"ש, ווי פאר ער איז ארויס.

דאס ווענען קורצע ווערטער מיט א רייכען אינהאלט, און א מוסר השכל, ווי ווייט מען דארף זיך איבערצוקלערען איידער מען גייט ארויס אויף דער גאס, אדער מען שיקט א קינד ארויס, צו איז דאס טאקע וויכטיג אדער נישט?

נד. אפילו מען זאל שוין טרעפען היתירים אויף איסור יחוד אין עלעוועיטער, דארף מען נישט פארגעסן די הייליגע ווערטער פון רבינו ירוחם (נב"ג, מובא במפתחות מהרש"ם אה"ע) אז אן אפגעהיטענער איד אדער אידענע, דארף זיך נישט פארלאזען אויף היתירים נאר אייביג אכטונג געבען, דאס איז וויכטיג אויך פאר אנדערע חבר'טעס איבערציגעבען, אין די הלכות דארף יעדער מאן לערנען אין שטיב, און אין סקול מיט די קינדער.

נה. עס קימט פאר ווען מען גייט איינקויפען אין גראסערי, בעקערי וכדומה, אז מען שטייט ממש אויסגעמישט מענער אין פרויען, דעריבער זאל מען אכטונג געבען צי שטיין מענער באזונדער און פרויען באזונדער.

### קינדער אין קעמפס

נו. די עלטערן וואס שיקען קינדער אין קעמפס וכדומה, וואס ווי פארשטענדליך מוזען זיי זיך פארלאזען אויפען קעמפ מיט השגחה אויף די קינדער, אין הגם דארכען טאג איז מער ווייניגער איינגעארדענט א קביעות'דיגע השגחה אויפען קינד פינדעסטוועגן דארפען אלע עלטערן פארלאנגען אויסשליסלעך א שטרענגע השגחה ביינאכט אויך, דהיינו אן אויפזעהער וואס זאל ארימגיין אין די האלס און שטיבער א גאנצער נאכט, סיי ביי יונגלעך, סיי ביי בחורים, און סיי ביי מיידלעך, והבא לטהר מסייעין לו.

נז. די אלע וואס דרייוון ווערען געבעטען אין זענען מחויב עפ"י התורה ווען זיי גייען אוועק פין קאר נישט איבערלאזען קיין בעל אחריות אינעווייניג, זאלען גיט פארמאכען די טירען אין פענסטערס, בפרט ווען זיי קימען אין קאנטריס אדער קעמפס, צו פארמיידען אומגליקען, אין אוודאי ח"ו נישט איבערלאזען די שליסעל אינעווייניג.

נח. עס איז פארהאנען אזעלכע וואס טוען אפדעקען דעם קערפער זיך אפציברוינען פין די זוהן, דאס איז לכאורה קעגען ש"ע (או"ח סי' ב'). אויב עס פעלט אויס צו געזונטהייט זאל מען פרעגען א שאלת חכם.